STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02624

ESPERANTO

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

La Lingvo Internacia Esperanto

עספעראנטא

א לייכטע מעטהאדע צו לערנען
די אינטערנאציאנאלע הילפס שפראך
אהן דער הילף פון א לעהרער.

צוזאמענגעשטעלט פון
יוסף ברעסלער
דיפלאמירטער עספעראנטא לעהרער
DIPLOMITO DE N. A. E. A.

פרייז 20 סענט.

ארויסגעגעבען פון דער בוכהאנדלונג
ש. דרוקערמאן,
50 קאנעל סטריט   ניו יארק
1909

אינהאלט:

אלף־בית	5—7
אָרטאָגראפיע	7
אקצענט	7
ארטיקעל	7
זאכוואָרט	8
אייגענשאַפטס וואָרט, פערגלייכונגס שטופען	9
צאהלווערטער	10
פריווערטער	11
האנדלונגס ווערטער, מיטעל וואָרט	11—13
פערהעלטניס ווערטער	13
בעשטימונגס ווערטער	14
בינד ווערטער	14
אויסגעשריי ווערטער	15
ווערטער בילדונג	16—20
טאַבעלע פון ספּעציעלע ווערטער	20—22
איבונגען	22—40
די צובערין	40—48

פאָרוואָרט.

דער געדאנק, דאס עס איז נויטיג אן אינטערנאציאָנאלע שפּראַך, וועלכע זאָל דינען אלס "הילפס־מיטעל צו פערלייכטערן דיא בעציהונגען צווישען דיא מענשען פון פערשידענע נאציאָנען, האָט שוין לאנג בעשעפטיגט דיא מוחות פון דער וויסענשאַפטליכער וועלט, און פיעלע געלעהרטע האָבען זיך זאָגאר ערנסט אָבגעגעבען מיט דיעזער פּראָבלעמע, אָבער אלע ביזהעריגע פּראָבען, אויסער עספּעראַנטאָ, האָבען ניט געהאט דעם געווינשטען ערפאָלג. דיא אורזאכע דערפון איז געווען, וואָס דיא קאָנסטרוקציאָן זייערע, דיא צוזאמענשטעלונג פון ווערטער און עטימאָלאָגישע כללים, איז געווען זעהר קאָמפּליצירט און ניט גענוג איינפאַך פאר דעם גרויסען עולם. גאַנץ אַנדערש איז אָבער מיט עספּעראַנטאָ, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם זשעניאַלען פילאָלאָג און שפּראַכענקענער דר. לודוויג זאמענהאָף. פון דעם ערשטען מאָמענט פון איהר ערשיינונג האָט דיעזע הילפס־שפּראַך גלייך אַרויסגערופען דיא בעוואוּנדערונג פון אלע ספּעציאַליסטען, און אין אַ פערהעלטניסמעסיג קורצער צייט איז זי אַנערקענט געוואָרען אלס די פּאַסענדסטע אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך. אַלעס אין איהר איז אַזוי איינפאַך, דאס מען קען זי לייכט ערלערנען אָהן דער הילף פון אַ לעהרער. אין דער גרעמער זיינען אין גאַנצען דאָ בלויז 16 כללים און 17 גראַמאַטיקאַלישע ענדונגען. דער צייט וואָרט, וועלכער איז אַזוי שווער אין אַנדערע שפּראַכען, ווערט קאָנסטרואירט אין עספּעראַנטאָ פון 12 ענדונגען, וועהרענד אין פראַנצויזיש צ"ב האָט דער צייט וואָרט ניט ווייניגער וויא 1500 ענדונגען. דער גרעסטער פערדיענסט אָבער פון דער נייער הילפס־שפּראַך, ליגט אין דער צוזאַמענשטעלונג פון די ווערטער. אין גאַנצען זיינען אין עספּעראַנטאָ

דאָ בלויז איבער 2000 שטאם ווערטער, פון וועלכע עס קע־נען געבילדעט ווערען אלע איבעריגע אָהן מיהע זאָגאר פון אנפאנגער. אין דער געגענוואַרט ווערט עספּעראַנטאָ שוין געשפּראָכען פון אַן אונגעהייער גרויסע צאָהל מענשען אין אלע לענדער, און איז אָנגענומען ביי פיעלע אינטערנאַציאָנאלע גרויסע קערפּערשאַפטען. מעהר וויא 70 זשורנאלען און צייטונגען ערשיינען אין עספּעראַנטאָ אין פערשידענע לענדער, און דיא בעסטע קלאַסישע ווערק, ווי „האַמלעט", „די רויבער", „רעוויזאָר" און פיעלע אַנדערע זיינען אין איהר איבערזעצט. וואָס ווייטער בעקומט עספּעראַנטאָ אלץ מעהר און מעהר אנערקענונג, און עס שיינט צו זיין ניט ווייט דיא צייט, ווען אלע פעלקער וועלען איינזעהען די ניצליכקייט פון איהר און זיך בענוצען מיט עספּעראַנטאָ אלס א אינטערנאַציאָנאלע הילפס שפּראַך.

זייענדיג אין דער מיינוּנג, דאס דיא ברייטע אידישע מאַסען, וועמען די אוננאָרמאלע לאַגע צווישען די פעלקער צווינגט אָפט צו וואַנדערען פון איין לאַנד נאָך דער צווייטער, דאַרפען זיך בעזאָנדערס פעראינטערעסירען אין דיעזער אינ־טערנאַציאָנאַלער שפּראַך, האָבען מיר צוזאַמענגעשטעלט די־זען לעהר־בוך, אום צו געבען יעדען אידען די מעגליכקייט זעלבסט צו ערלערנען די עספּעראַנטאָ שפּראַך דורך א לייכ־טער מעטאָדע אין זיין אייגענער שפּראַך.

יוסף ברעסלער.

אלף־בית

דער אלף-בית פון עספּעראנטא בעשטעהט פון 28 בוכשטאבען, וועלכע זיינען ווי אין אלע אנדערע שפּראכען, גרויסהענדיגע און קליינהענדיגע.

A a	אַ	G g	גָא	K k	קָא	S s	סָא
B b	בּא	Ĝ ĝ	דזשָא	L l	לָא	Ŝ ŝ	שָא
C c	צָא	H h	הָא	M m	מָא	T t	טָא
Ĉ ĉ	טשָא	Ĥ ĥ	כָא	N n	נָא	U u	אוּ
D d	דָא	I i	אִי	O o	אָ	Ŭ ŭ	(קורץ) אוּ
E e	עֶ	J j	יָא	P p	פָּא	V v	וָוא
F f	פָא	Ĵ ĵ	זשָא	R r	רָא	Z z	זָא

בעזאנדערע אויפמערקזאמקייט מוז מען געבען צו די אויסשפּראכע פון די פאלגענדע בוכשטאבען.

c לייענט זיך אימער ווי „צ": (ציגארא) cigaro

ĉ לייענט זיך „טש": ĉokolado (טשאקאלאדא) ĉevalo (טשעוואלא)

ĝ לייענט זיך ווי „דזש": pasaĝero (פּאסאדזשערא)

ĥ לייענט זיך ווי „כ": meĥanismo (מעכאניסמא)

ĵ לייענט זיך ווי "י" און ווערט ווי צוזאמענגעשמאלצען
מיט דער זילבע וועלכע שטעהט נאך איהם: je (יע)
ווען עס שטעהט אבער צום סוף ווארט דאן בלייבט
די געווענליכע אויסשפראכע: oj (אי) aj (אי)

ĵ לייענט זיך ווי "זש": ĵaŭdo (זשאודא) ĵeti (זשעטי)

s לייענט זיך ווי "ס": estas (ע'סטאס)

ŝ לייענט זיך ווי "ש": ŝipo (שיפא) ŝtalo (שטאלא)

ŭ קומט פאר נאר צוזאמען מיט די בוכשטאבען
a אדער e: antaŭ (אנטאו) Eŭropo (ע אוראפא-)

z לייענט זיך ווי "ז": mezuro (מע זורא) zorgi (זארגי)

די אויסשפראכע

Ce-re-mo-ni′o. Cer′ta. Ci-ga′ro. Ĉa-pe′lo. Ĉe′no.
טשע-נא טשא-פע-לא צי-גא-רא צער-טא צע-רע-מא-ני-א
Sil′ko. Sim′pla. Sim-pa-ti′o. Pa′ĝo. Ĝe-ne′vo.
דשע-נע-ווא פא-דזשא סימ-פא-טי-א סימפ-לא סיל-קא
Ĵa-ke′to. Ĵus. Ĥe-mi′o. Bal-daŭ. Laŭ′di. Ma′jo.
מא-יא לאו-די באל-דאו כע-מי-א זשוס זשא-קע-טא
La-bo-re′jo. Gran′daj. A-ĉe′ti. A-gen′to. Per-so′no.
פער-סא-נא א-גענ-טא א-טשע-טי גראנ-דאי לא-בא-רע-יא
Mo-ra′la. Mo-nar′ĥo. Ku′ri. Sol′vi. Re′gi-men′to.
רע-גי-מענ-טא סאל-ווי קו-רי מא-נאר-כא מא-רא-לא
Su-ke′ro. Pa-ten′to. In-stru′i. In-ter-na-ci′a. Po-
פא אינ-טער-נא-צי-א אינ-סטרו-אי פא-טענ-טא סו-קע-רא
li′co. Po-e′mo. Ga′ja. For′ko. Bi-bli-o-gra-fi′o. Per-
פער ביב-לי-א-גרא-פי-א פאר-קא נא-יא פא-ע-מא לי-צא
so′noj. Li-te-ra-tu′ro. Me-zu′ro.
מע-זו-רא לי-טע-רא-טו-רא סא-נאי

די גראמאטיק.

דיא ארטאגראפיע.

וויא אין אנדערע שפראכען קענען אויך אין עספעראנטא צוזאמענגעפונדען ווערען צוויי ווערטער אין איינעם: דיא גראמאטיקאלישע ענדונגען נעהמט דאן אן בלויז דער לעצטער ווארט:

האאר haro גרויז griza גרויזהאריג grizhara

דיא זאגענאנטע אויסלענדישע ווערטער, וועלכע כמעט אלע שפראכען נעהמען פון גריכיש אדער לעטיין, קומען אויך אריין אין דער עספעראנטא שפראך. זיי נעהמען בלויז אן איהר ארטאגראפי:

Tragedio, telefono, teatro.

דער אקצענט.

דער אקצענט אדער די בעטאנונג פון יעדער ווארט איז שטענדיג אויף דער פארלעצטער זילבע. עס מאכט ניט אויס פון וויפיעל זילבען דער ווארט זאל ניט בעשטעהן:

Sa'na, geografi'o, knabi'no.

דער ארטיקעל.

קיין אונבעשטימטער ארטיקעל איז אין עספעראנטא ניטא. עס איז דא בלויז א בעשטימטער la, וועלכער איז גלייך פאר אלע געשלעכטער ווי אויך אין איינצאהל און אין מעהרצאהל:

דער ברודער la frato די ברידער la fratoj

די שוועסטער la fratinoj

די ענדונג פון ארטיקעל la קען אויך אויסגעלאזען ווערען און פארביטען ווערען מיט אן אפאסטראף.

געוועהנליך ווערט דאס געטאהן בלויז אין געדיכטע צוליעב דער מאס פון די פערזען. פערפליכטענד איז אבער דיעזע אויסלאזונג ניט.

זינט דער בעשאפונג פון דער וועלט.
De l' kreo de l' mondo.

זאכווארט.

דיא זאכווערטער אין עספעראנטא ענדיגען זיך אימער אין איינצאהל מיט o און אין מעהרצאהל מיט j: א הויז domo הויזער domoj

צווייא פעלע זיינען בלויז דא אין עספעראנטא נאמינאטיוו אונד אקוזאטיוו. אין אקוזאטיוו ווערט צו-געגעבען צום סוף א n.

דער בריעף איז אויף דעם טיש La letero estas sur la tablo

איך שרייב א בריעף Mi skribas leteron

די בעזונדערע בעצייכנונג פון דעם אקוזאטיוו פאל ווערט אויך גענוצט אום אנצוציינען א געוויסע ריכ-טונג, צו בעצייכענען די דאטע, וויא לאנג עס געדויערט א געוויסע האנדלונג.

איך געה אין שוהלע Mi iras lernejon

דעם פערטען פון אקטאבער La kvaran de Oktobro

ער האט גיארבעט צוויי טעג Li laboris du tagojn

אייגענשאפטס ווארט.

דער אייגענשאפטס ווארט ענדיגט זיך אימער מיט a און ווי דער זאכווארט נעהמט ער אויך אן די זעלבע ענדונגען n אין אקוזאטיוו פאל און j אין מעהרצאהל. ער קען שטעהן פאר אדער נאך דעם הויפטווארט וועל כען ער בעצייכענט:

א גוטער פאטער Patro bona, bona patro

פערגלייכונגס שטופען.

איינפאכע פערגלייכונגען ווערען אויסגעדריקט מיט דער הילף פון די ווערטער: אזוי... ווי... tiel... kiel...
איך בין אזוי שטארק ווי איהר Mi estas tiel forta kiel vi

די פערגלייכונג פון גרעסערע צו קלענערע זאכען ווערען אויסגעדריקט דורך: מעהר... ווי... pli... ol...
איך בין שטארקער ווי איהר Mi estas pli forta ol vi

די פערגלייכונג פון קלענערע צו גרעסערע מיט דער הילף פון די ווערטער: ווייניגער... ווי... malpli... ol...
איך בין שוואכער ווי איהר Mi estas malpli forta ol vi

די העכסטע גראד פון איינענשאפטען ווערט אויסגעדריקט מיט: מעהרסטע... פון... plej... el...
איך בין דער שטארקסטער פון אלע
Mi estas la plej forta el ĉiuj

די העכסטע גראד פון קליינע איינענשאפטען ווערט אויסגעדריקט מיט: קלענסטע.. פון... malplej...el ...
איך בין דער שוואכסטער פון אלע
Mi estas la malplej forta el ĉiuj

צאהל־ווערטער.

די גרונד צאהלען אין עספעראנטא זיינען:
Unu 1, du 2, tri 3, kvar 4, kvin 5, ses 6, sep 7, ok 8, naŭ 9, dek 10, cent 100, mil 1000, miliono א מיליאן

די צעהנדליגע און הונדערטער ווערען פארמירט פאלגענד:
Dudek 20, tridek 30, kvardek 40, kvindek 50, sesdek 60 sepdek 70, okdek 80, naŭdek 90.

פון צעהן ביז צוואנציג ווערען די צאהלווערטער פאר-
מירט פאלגענד:

Dek-unu 11, dek-du 12, dek-tri 13, dek-kvar 14, dek-kvin 15, dek-ses 16, dek-sep 17, dek-ok 18, dek-naŭ 19.

Mil sescent ok 1608, Sepcent okdek unu 781.

ברוכצאהלען ווערען; געבילדעט דורך צוגעבען דעם
נאכזאץ on צו די גרונדצאהלען און דאן o אדער a אויב זיי
דינען אלם הויפטווערטער אדער איינגעשאפטס ווערטער:
La triono דער דריטעל   Duona pomo א האלבער עפפעל

פערפיעלפאכונגס ווערטער ווערען געבילדעט דורך
צוגעבען דעם נאכזאץ obl און דאן o אדער a אויב זיי דינען
אלם הייפט ווערטער אדער איינגעשאפטס ווערטער:
La duoblo דער דאפעל   La duobla דער צווייפאכער

זאמעל-ווערטער ווערען געבילדעט דורך צוגעבען דעם
נאכזאץ op און o אדער a אויב זיי דינען אלם הויפטווערטער
אדער איינגעשאפטס ווערטער:
Duope זאלבע נאנד   Triope זאלבע דריט

ארדנונגסצאהלען ווערען געבילדעט דורך צוגעבען צו
די גרונד צאהלען a; אויב די צאהל איז צוזאמענגעשטעלט
פעהר ווי פון איין ציפער ווערט דער a צוגעגעבען בלויז
צום לעצטען:

Unua ערשטער   Cent dek-unua הונדערט עלפטער

פירווערטער.

פערזענליכע פירווערטער: Mi איך; vi דו, איהר;
li ער, ŝi זי, ĝi עס; ni מיר; ili זיי.

oni איז א אונבעשטימטער פירוואָרט וואָס ווערט אי-
בערזעצט אין אידיש מיט דעם וואָרט מ ע ן.

Oni faras מען טהוט	Oni diras מען זאגט

si-זיך איז א רעפלעקסיווער פירוואָרט פון דער דריי-
טער פערזאָן, פיר איינצאהל און מעהרצאהל.

פון די פערזענליכע פירווערטער ווערט פארמירט א
ציעלפאל ווען מען גיט צו צום נאמענאטיוו א n: min מיר;
vin דיר, אייך; lin עם; ŝin איהר; nin אונז; ilin זיי.

דאס בעזיץ פירוואָרט ווערט געבילדעט דורך דעם
צוגעבען צו די פערזענליכע פירווערטער a:
mia מיין; via דיין, אייער; lia זיין; ŝia איהר; ĝia זיין;
nia אונזער; ilia זייער.

דער מעהרצאהל פון די בעזיצפעלע אין די פירווער-
טער ווערט, ווי אין די הויפט ווערטער, געבילדעט דורך
צוגעבען צום איינצאהל א j:
מיינע ברידער Miaj fratoj

האנדלונגס ווערטער.

קיין אונרעגעלמעסיגע האנדלונגס ווערטער זיינען אין
עספעראנטא ניטא.

דער האנדלונגס וואָרט esti איז דער איינציגער הילפס
וואָרט.

די ענדונגען פאר די פארמען זיינען:

פאר אונבעשטימטע פארם	Am-I
פאר דער געגענוואָרט	Am-AS
פאר דער פערגאנגענהייט	Am-IS
פאר דער צוקונפט	Am-OS
פאר דער בעדינגונגס פארם	Am-US
פאר בעפעהלענדע פארמע	Am-U

דער מיטעל־ווארט.

דער מיטעל-ווארט אדער פארטיסיפל וואס ענדיגט זיך אין אידיש ע נ ד, ע נ ד י ג נעהמט אן אין עספעראנטא פאלגענדע ענדונגען:

טהעטיגע פארם

פאר דער געגענווארט	ANT
פאר דער פערגאנגענהייט	INT
פאר דער צוקונפט	ONT

amanta patro א ליבענדער פאטער; aminta patro א פאטער וואס האט געליעבט; amonta patro א פאטער וואס וועט ליעבען.

ליידענדע פארם

פאר דער געגענווארט	AT
פאר דער פערגאנגענהייט	IT
פאר דער צוקונפט	OT

amata patro א געליעבטער פאטער; amita patro א געליעבט געוועזענער פאטער; amota patro א פאטער וואס וועט געליעבט זיין.

ווען דער הילפסווארט esti ווערט צוגעגעבען צום מיטעל-ווארט ווערען דאן די געבילדעטע פארמען איבער-זעצט אין אידיש פאלגענד:

איך ליעב	Mi estas amanta
איך האב געהאט געליעבט	Mi estis aminta
איך וועל ליעבען	Mi estos amanta

דיזע פארמען ווערען זעהר זעלטען גענוצט אין עספע-ראנטא. די איינפאכע פארמען ווערען געוויינליך גענוצט:

mi amas איך ליעב; mi amis איך האב געליעבט; mi amos איך וועל ליעבען.

פערהעלטנים־ווערטער.

די פערהעלטנים ווערטער רעגירען דעם נאמינאטיוו און שטעהען איממער צוערשט:

ער האט גערעדט וועגען מיר — Li parolis pri mi

יעדער פערהעלטנים ווארט אויסער je האט זיין בעשטימטע בעדייטונג און ווערט ניט בענוצט ווי אין אנדערע שפראכען, אויסצודריקען איינינע אדער פיעלע בעגריפע.

JE—האט קיינע בעשטימטע בעדייטונג און ווערט גענוצט אין פאל ווען קיינע אנדערע פערהעלטנים-ווערטער קענען ניט גענוצט ווערען:

ביי די ערסטע געלעגענהייט — Je la unua okazo

פאר דעם ערשטען מאל אין זיין לעבען
Je la unua fojo en sia vivo.

por	פאר	po	צו (מיט א צאהל)
per	דורך, מיט	laŭ	לויט, אין אנקלאנג
sub	אונטער	pro	אום, איבער
pri	וועגען	preter	פארביי
post	נאך, נאכהער	super	איבער
ĉe	ביי	antaŭ	פאר
anstataŭ	אנשטאט	al	צו
tra	דורך	sur	אויף
krom	אויסער	kontraŭ	געגען
inter	צווישען	ĝis	ביז
en	אין	el	פון (צווישען)
malgraŭ	טראץ, ניט אכטענדיג		
kun	מיט (אין בעגלייטונג)		

אין דער צייט, וועהרענד	dum
פון (אלס צייכען פון בעזיץ)	de
איבער, פון יענער זייט	trans
פון (נאך ווערטער פון געוויכט, צאהל און מאס)	da

בעשטימונגס־ווערטער.

די בעשטימונגס-ווערטער וועלכע שטאמען ארויס פון אנדערע ווערטער ענדיגען זיך איממער מיט e:

נעפעהרליך dangêre ; נעפאהר Dangêro

אריגינאלע בעשטימונגס-ווערטער האבען ניט קיין ספעציעלע ענדונג. די וויכטיגסטע פון זיי זיינען:

איבעראל, אומעטום	ĉie	שטענדיג	ĉiam
קאם	apenaŭ	באלד	baldaŭ
ביידע	ambaŭ	אויך	ankaŭ
ניין, ניט	ne	גלייך, אויגענבליקליך	tuj
כמעט	preskaŭ	אפילו, זאגאר	eĉ
יעצט	nun	נאר	nur
פאראוואס? ווארום?	kial?	שוין	jam
אם וויינינגסטען	almenaŭ	וויפיעל	kiom

בינד־ווערטער.

די הויפט בינד-ווערטער זיינען:

אלס	ol	אויב	se
דאס	ke	כאטש	kvankam
נאר וואס, אקארסט	ĵus	און	kaj
אלזא	do	אפילו... אויב	eĉ...se

ווייל	ĉar	אויב, צו (פראגע)	
פאלגליך	sekve	אבער	sed
נעמליך	nome	אדער	aŭ
ענטוועדער... אדער...	aŭ... aŭ...		

אויסגעשריי-ווערטער.

די וויכטיגסטע פון די אויסגעשריי-ווערטער זיינען:

ניין!	nei	ריכטיג!	vere!
שעם זיך!	hontu!	ווירקליך!	ja!
בראוואָ!	brave!	אוועג!	for!
אדיע!	adiaŭ !	ווילקאמען!	bonvenu !
גאנץ געוויס !	kompreneble !		

ווערטערבילדונג.

די פארזילבען (פרעפיקסען) און נאכזילבען (סופיקסען) וועלכע ווערען צוגעזעצט צו די ווארצלען פון די ווערטער און גיבען צו דעם ווארט א נייען בעגריף, זיינען פאלגענדע:

AD בעצייכענט פארטזעצונג פון א טאהט: ריידען paroli א רעדע parolado שרייבען skribi שרייבונג skribado

AĴ בעצייכענט די קאנקרעטע אידעע פון א געוויסע איינגענשאפט, עטוואס וואס איז געמאכט פון עפעס: אן אקס bovo רינדפלייש bovaĵo ווייך mola א ווייכע זאך molaĵo

AN בעצייכענט מיטגליעד, אנהענגער אדער איינוואה-נער: שטאאט ŝtato א בירגער ŝtatano פאריז Parizo פאריזער parizano

AR בעצייכענט א זאמלונג פון געוויסע זאכען; א ווארט vorto א ווערטערבוך vortaro א בוים arbo א וואלד arbaro

BO בעצייכענט די פערוואנדשאפט דורך הייראט: א זוהן filo אן איידים bofilo א פאטער patro א שווער bopatro

ĈJ בעצייכענט א פערצויגענעם נאמען פון מענליכען געשלעכט: יוסף Josefo יאסינגע, יאסעלע Joĉjo

NJ בעצייכענט א פערצויגענעם נאמען פון ווייבליכען געשלעכט: גאלדע Goldo גאלדעצקע Gonjo

DIS בעצייכענט אבזונדערונג, צוטהיילונג, פערשפריי-טונג: געבען doni אויסטהיילען disdoni זייען semi צוזייען dissemi

EBL בעצייכענט מעגליכקייט : לעזען legi לעזבאר
legebla זעהן vidi זיכטבאר videbla

EG בעצייכענט פערגרעסערונג פון אן אייגענשאפט,
זאך אדער טהאט: א הויז domo א גרויסע הויז
domego גוט bona אויסגעצייכענט bonega לאבען
ridi שטארק לאכען ridegi

EC בעצייכענט די אבסטראקטע אידעע פון א אייגענ-
שאפט : איינפאך simpla איינפאכקייט simpleco
שעהן bela שעהנהייט beleco

EJ בעצייכענט אן ארט פיר... קאכען kuiri א קיך
kuirejo לערנען lerni א שוהל lernejo

EK בעצייכענט דעם אנפאנג פון א האנדלונג אדער
פלוצליכע ערשיינונג: זעהן vidi דערזעהען ekvidi
זינגען kanti אנפאנגען זינגען ekkanti

EM בעצייכענט די נייגונג, שטימונג : גלויבען kredi
לייכטגלויבינ: kredema ריידען paroli ריידעוודיג
(וואס רעדט א סך) parolema

ER בעצייכענט אן איינצעלנע טהייל פון א זאמלונג :
א האגעל hajlo א האגעלשטיין hajlero געלד mono
א מטבע monero

ET בעצייכענט פערקלענערונג פון א זאך, אייגענשאפט
אדער טהאט : הויז domo הייזעל dometo לאכען ridi
שמייכלען rideti ווארעם varma לעפליך varmeta

ESTR בעצייכענט א פיהרער אדער הויפט: א שטאדט urbo א בירגער-מייסטער urbestro שטאאט regno הערשער, רעגירער regnestro

GE בעצייכענט ביידע געשלעכטער צוזאמען אין איין ווארט: א זוהן filo זוהן און טאכטער gefiloj א פאטער patro עלטערען gepatroj

ID בעצייכענט די אבשטאמונג אדער יונגע בעשעפעניש: קעניג rego קעניג'ס זוהן, פרינץ reĝido א קאץ kato א קעצעלע katido

IG בעצייכענט די פעראורזאכונג פון עטוואס: ריין pura רייניגען purigi שעהן bela מאכען שעהן beligi שטערבען morti טויטען mortigi

IĜ בעצייכענט ווערען: רויט ruĝa רויט ווערען ruĝiĝi שעהן bela ווערען שעהן beliĝi

IL בעצייכענט א אינסטרומענט: קאמען kombi א קאם kombilo נעהען kudri א נאדעל kudrilo שיסען pafi א ביקס pafilo

IN בעצייכענט די ווייבליכע געשלעכט: פאטער patro מוטער patrino זוהן filo טאכטער filino

IND בעצייכענט ווירדיקייט: לויבען laŭdi לויבענסוויר-דיג laŭdinda עהרען honori עהרעווירדיג honorinda

ING בעצייכענט א האלטער פון איין זאך: א פען plumo פען-האלטער plumingo ליכט kandelo לייכטער kandelingo

IST בעצייכענט א פערזאן פון א געוויסע פראפעסיאן אדער ארבייט: ברויט pano א בעקער panisto זינגען kanti א זינגער kantisto

MAL בעצייכענט דעם געגענטהייל פון דעם אריגינעלען בעגריף; פריינד amiko פיינד malamiko גוט bona שלעכט malbona

MOŜTO בעצייכענט א טיטעל פון פערעהרונג: אייער קייזערליכע מאיעסטעט Via reĝa moŝto אייער עקסעלענץ Via moŝto

RE בעצייכענט די ווידערהאלונג פון א טהאט: שרייבען skribi איבערשרייבען reskribi געהן iri צוריקקומען reiri

UJ בעצייכענט דאס וואס ענטהאלט אדער פראדוצירט: עפּפעל pomo עפּפעלבוים pomujo טינט ink א טינטער inkujo

UL בעצייכענט א פערזאן וועלכער האט א בעזונדערע אייגענשאפט: רייך riĉa א רייכער מאן riĉulo קלוג saĝa א קלוגער saĝulo

ארט און ווייזע	iel ווי עס איז אירגענד ווי	tiel אין אזא ארט אזוי	kiel ווי, ווי אזוי ?	ĉiel אויף יעדער ארט יעדער ווייזע	neniel אויף קיין אופן
בעזיץ	ies אימעצענס	ties יענעמס	kies וועמעס ?	ĉies יעדען איינציגעם	nenies קיינעמס ניט
זאך	io עפעס, עטוואס	tio דאס	kio וואס ?	ĉio אלסדינג אללעס	nenio גארנישט
מאס צאהל	iom וויפיעל עס איז א ביסעל	tiom אזוי פיעל	kiom וויפיעל ?	ĉiom אין גאנצען	neniom קיין צאהל גאר ניט
פערזענ-ליכקייט	iu אימעצער יעמאנד	tiu יענער	kiu וועלכער, ווער ?	ĉiu יעדער	neniu קיינער נימאנד

די פאלגענדע גרופפע ווערטער קומט פאר אין עספעראנטא אם מעהרסטען. זיי זיינען דא געגעבען אין א בעזונדערע טאבעלע אום עס זאל זיין לייכטער זיי צו ערלערנען.

	אונבעשטימטע	אנווייזונג	פראגע אדער בעציהונג	זאמלונג	פערניינונג
קוואליטעט איינענשאפט	ia וועלכען עס איז אירגענד א	tia א זעלכער אזא סארט	kia וואס פאר א ?	ĉia יעדער	nenia קיין
מאטיוו אורזאכע	ial פאר א געוויסע אורזאכע	tial דערפאר דארום	kial ווארום ? פארוואס ?	ĉial אויס יעדען גרונד	nenial פארקיין אורזאכע פאר גאר נישט
צייט	iam אמאהל ווען עס איז	tiam דאן, דאמאלס	kiam ווען ?	ĉiam איממער	neniam קיינמאהל ניעמאלס
ארט, פלאץ	ie וואו עס איז ערגעץ	tie דארטען	kie וואו ?	ĉie אומעטום איבעראל	nenie ערגעץ ניט

איבונגען

1טע איבונג

MAL—בעצייכענט דעם געגענטהייל פון דעם אריגינעלען בעגריף: פריינד amiko פיינד malamiko גוט bona שלעכט malbona

IN—בעצייכענט דיא ווייבליכע געשלעכט: פאטער patro מוטער patrino זוהן filo טאכטער filino

li	ער	kaj	און
havi	האבען	bela	שעהן
mi	איך	ŝi	זי
knabo	אינגעל	granda	גרויס
en	אין	la	דער, די, דאס
libro	בוך	blua	בלאה
onklo	אנקעל	jen estas	היער איז
riĉa	רייך	pomo	עפפעל
rozo	ראזע	ĉambro	צימער
sana	געזונד	floro	בלום
sur	אויף	kun	מיט
forta	שטארק	ĉielo	הימעל
tablo	טיש	birdo	פויגעל
vidi	זעהן	tre	זעהר
frato	ברודער	sed	אעבער

Frato, fratino. Onklo, onklino. Amiko, amikino. Patro, patrino. Riĉa, malriĉa. Sana, malsana. Forta, malforta. Amiko, malamiko. Jen estas la libro kaj la floro. La onklo estas malbona, sed la fratino estas tre bona. Li havas la libron. Mi havas florojn. Ŝi havas rozon. Jen estas la pomo. La libro de la fratino estas tre bela. La fratoj estas tre riĉaj. La tablo estas blua. La frato estas kun la patrino en la ĉambro. Mi vidis grandan birdon en la ĉambro sur la tablo. Mi vidis bonan libron. Mi havas la pomon.

2טע איבונג

EG—בעצייכענט פערגרעסערונג פון אן איינענשאפט
זאך אדער טהאט: א הויז domo א גרויסע הויז
domego גוט bona אויסנעצייכענט bonega לאכען
ridi שטארק לאכען ridegi

ET—בעצייכענט פערקלענערונג פון א זאך איינענשאפט
אדער טהאט: הויז domo הייזעל dometo לאכען ridi
שמייכלען rideti ווארעם varma לעפליך varmeta

kara	טהייער	vi	דו, איהר
tiu-ĉi	דיזער	trinki	טרינקען
morgaŭ	מארגען	legi	לייענען
bezoni	ברויכען	teo	טהעע
juna	יונג	paroli	ריידען
fumi	רייכערען	akvo	וואסער
sinjoro	הערר	ĉu	צו (פראגע)
jes	יע	feliĉa	גליקליך
aĉeti	קויפען	ofte	אפט
kun	מיט	trovi	געפינען
al	צו	papero	פאפיער
doni	געבען	blanka	ווייס
ĉevalo	פערד	dormi	שלאפען
arbo	בוים	pordo	טיהר
voli	ווילען	kio	וואס
tie	דארטען	pluvo	א רעגען
varma	ווארעם	ĉokolado	שאקאלאדע
ŝati	האלט האבען	vino	וויין
knabo	אינגעל	seĝo	א שטוהל
preferi	פארציהען	tago	א טאג
dolĉa	זים	granda	גרויס

Dormi, dormeti. Arbo, arbeto. Dolĉa, dolĉeta. Bela, belega. Ridi, ridegi, rideti. Pluvo, pluvego, pluveto. Granda, grandega. Varma, varmeta, malvarmeta. Juna frato, junaj fratoj. Feliĉa knabino. Mia juna fratino ŝatas dolĉan teon, sed mi preferas

dolĉetan ĉokoladon. Mi aĉetas ĉevaleton kaj hundon. Ĉu vi volas trinki teon? Jes, sinjoro, mi trinkas teon aŭ vinon. Kiu estas tie? Kion vi volas? Mi volas vidi vian beletan fratinon. Donu al mi la akvon. Li parolos al vi en la dometo. Ĉu vi fumas? Jes, mi ofte fumas. Bonan tagon, mia kara patrino. Vi trovos la libregojn en la ĝardeneto. Mi legos morgaŭ tiun ĉi letereton. Mi bezonas dormi. Ŝi parolis kun li. La arbeto en mia ĝardenego estas tre malforta.

3טע איבונג

EC—בעצייכנעט די אבסטראקטע אידעע פון א איינענ-
שאפט: איינפאך simpla איינפאכקייט simpleco
שעהן bela שעהנהייט beleco

AR—בעצייכנעט א זאמלונג פון געוויסע זאכען: א ווארט
vorto א ווערטערבוך vortaro א בוים arbo א וואלד
arbaro

povi	קענען	longa	לאנג
pano	ברייט	freŝa	פריש
larĝa	ברייטער	admiri	בעוואונדערן
el	פון, אוים	ŝipo	א שיף
ĉiu	יעדער	vagono	א וואגאן
min	מיר	kontenta	צופרידען
fari	מאכען, טהאן	ke	אז
koni	קענען	aŭdi	הערען
ne	ניין, ניט	kanto	א ליעד
honoro	עהרע	kiam	ווען
scii	וויסען	tiel	אזוי,
vi	דו, איהר	kiel	ווי
pli	מעהר	kie	וואו
ĝi	עס	homo	א מענש

saĝa	קלוג	cent	הונדערט
ol	אלם, ווי	plej	מעהרסט, מייסט
mia	מיין	mondo	די וועלט
de	פון	ŝtupo	א טרעפ
hebrea	אידישע	kredi	גלויבען
rusa	רוסישע	progresi	פראגרעסירען
verko	ווערק	Germano	א דייטש
arbo	בוים	Anglo	אן ענגלענדער

Bela, beleco. Amiko, amikeco. Saĝa, saĝeco. Bona, boneco. Feliĉo, feliĉeco. Simpla, simpleco. Longa, longeco. Vorto, vortaro. Arbo, arbaro. Vagono, vagonaro. Ĉu vi aŭdis la kantojn de la birdaro? Jes, mi aŭdis ilin kiam mi estis en la arbaro. Ĉu vi min konas? Mi ne havas la honoron vin koni. Kio estas pli bona ol saĝeco? La ŝiparo de la Germanoj ne estas tiel forta kiel la ŝiparo de la Angloj. Mi admiras la longecon kaj la larĝecon de tiu domego. Tiu ĉi pano estas pli freŝa ol via. Mi vidis la plej bonajn knabinojn el ĉiuj. Kie estas la vortaro de mia patrino? Mia patrino estas pli bela ol via onklino. Ĉu vi havas grandan libraron? Jes, sinjoro, mi havas tre grandan libraron, kiu konsistas el hebreaj kaj rusaj libroj. Li havas la verkaron de Dro. Zamenhof. Mi kredas ke la homaro progresas. Li estas la plej kontenta homo en la mondo. La ŝtuparo de mia domo havas cent ŝtupojn. Li estas saĝa, ŝi estas pli saĝa, sed vi estas la plej saĝa el ĉiuj. El ĉiuj miaj fratoj Petro estas la malplej forta.

4טע איבונג

(זעך צאהל ווערטער)

dimanĉo	זונטאג	lundo	מאנטאג
mardo	דינסטאג	merkredo	מיטוואך
ĵaŭdo	דאנערסטאג	vendredo	פרייטאג
krei	בעשאפען	sabato	שבת
elekti	אויסקלייבען	sankta	הייליג
orelo	א אויער	semajno	א וואך
fadeno	פאדים	buŝo	א מויל
lasta	לעצט	tago	א טאג
jaro	יאהר	inter	אונטער, צווישען
vespero	אווענד	alta	הויך
vilaĝo	א דארף	monto	א בארג
sekundo	א סעקונדע	minuto	א מינוט
horo	א שטונדע	hodiaŭ	היינט
de	פון	multe	פיעל
nur	נאר	konsisti	בעשטעהן
metro	א מעטער	Dio	גאט
okulo	אן אויג	mano	האנד

Dek estas kvin sesonoj de dek-du. Du homoj povas pli multe fari ol unu. Unuobla fadeno ne estas tiel forta kiel duobla fadeno. Mi havas nur unu buŝon, sed mi havas du orelojn. Dek kaj dudek faras tridek. Dimanĉo estas la unua tago de la semajno, mardo estas la tria kaj ĵaŭdo estas la kvina. Mil naŭcent kvin. Sesdek minutoj faras unu horon kaj unu minuto konsistas el sesdek sekundoj. La sepan tagon de la semajno Dio elektis, ke ĝi estu pli sankta ol la ses unuaj tagoj. Kion Dio kreis en la sesa tago? Hodiaŭ estas la dudeksepa (tago) de Marto. La onklo havas du filinojn

Mi bezonas trioblan kordon. La monteto en nia vilaĝo estas alta je kvarcent metrojn. Venu duope aŭ triope, sed venu hodiaŭ vespere. Inter la dekdu monatoj, el kiuj konsistas jaro, kiun vi preferas? Kiun tagon vi venis? La lasta lundo vespere, mi pensas. Aprilo estas la kvara monato de la jaro, Aŭgusto estas la oka, Oktobro estas la deka kaj Novembro estas la dek-unua. Mi havas du okulojn, du orelojn, du manojn, sed mi havas nur unu buŝon.

5טע איבונג

EK—בעצייכנעט דעם אנפאנג פון א האנדלונג אדער פלוצליכע ערשיינונג: זעהן vidi דערזעהען ekvidi
זינגען kanti אנפאנגען זינגען ekkanti

IL—בעצייכנעט א אינסטרומענט: קאמען kombi א קאם kombilo נעהען kudri א נאדעל kudrilo שיסען pafi
א ביקס pafilo

infano	א קינד	lerni	לערנען
sendi	שיקען	skribi	שרייבען
gliti	גליטשען זיך	segi	זעגען
ĉar	ווייל	tempo	צייט
legi	לעזען	fajfi	פייפען
diligenta	פלייסיג	krii	שרייען
kampo	א פעלד	ĉiutage	טעגליך
promeni	שפאצירען	gladi	בּיגלען
ili	זייא	koro	א הארץ
okupi	בּעשעפטיגען	zorgi	זארגען
teatro	א טהעאטער	iri	געהן
pafi	שיסען	morgaŭ	מארגען
tajloro	א שניידער	plumo	א פעדער
vesti	קליידען	letero	א בריעף

per	דורך	saluti	גערימען
verda	גרין	kulero	א לעפעל
deziri	ווינשען	koni	קענען
kiam	ווען	scii	וויסען
tero	ערד	tranĉi	שניידען
pri	וועגען, איבער	krajono	א בליישטיפט

Legi, eklegi. Paroli, ekparoli. Promenadi, ekpromenadi. Gladi, gladilo. Segi, segilo. Fajfi, fajfilo. Pafi, pafilo. Vidi, ekvidi. Li eklegis la libron. La tajloro gladis la veston per gladilo. Miaj okuloj kaj oreloj estas malsanaj. Lia buŝo estas granda. La kampo estas verda, sed la floroj estas bluaj. Ili promenadas ĉiutage en la ĝardeneto kun la patro. Februaro estas la plej mallonga monato de la jaro, ĉar ĝi havas nur dudek-ok tagojn. La knabo fajfis per fajfilo. Mi deziras iri al la teatro; ĉu vi iros kun mi? Ne, sinjoro, mi ne havas tempon. Kiam Kolumbo ekvidis teron, li ekkriis, "Tero! Tero!" Mi vin salutas kore. Skribu leteron hodiaŭ kaj forsendu ĝin morgaŭ. Plumoj kaj krajonoj estas skribiloj. Mi zorgos pri tio. Mi tranĉas la pomojn per tranĉilo. Forko kaj kulero estas manĝiloj. La fajfiloj de la fabrikoj ekfajfis. Mi konas Johanon, sed mi ne scias lian okupon. Bonaj infanoj lernas diligente. La frato donis al mi libron kaj la patrino donis al mi pomon. Li skribas bele, sed li ne legas bone.

6טע איבונג

BO—בעצייכנעט די פערוואנדשאפט דורך הייראט:
א זוהן filo אן איידים bofilo א פאטער patro א שווער bopatro

GE—בעצייכנעט ביידע געשלעכטער צוזאמען אין איין ווארט: א זוהן filo און טאכטער gefiloj א פאטער patro עלטערען gepatroj

AD—בעצייכנעט פארטזעצונג פון א טאהט: ריידען paroli א רעדע parolado שרייבען skribi שרייבונג skribado

apud	ביי	stari	שטעהן
fianĉo	חתן	hieraŭ	נעכטען
agrabla	אנגענעהם	skatolo	א קעסטעלע
daŭri	דויערען	ĉiam	אימטער
respondo	אנטווארט	edzo	א מאן (פון א פרוי)
danci	טאנצען	altaro	אלטאר, מזבח
rigardi	קוקען	fini	ענדיגען
ĉiu	יעדער	paĝo	א זייטעל פון אבוך
